STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01768

LIKHTIKE SHTEYNER

Rivka Basman

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Abe & Leyla Sacks
in honor of
Pera & Izaak Wiszup. Mazel tov on your most glorious birthdays

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער

רבקה באַסמאַן

ליכטיקע שטיינער

לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
תל־אביב, תשל"ב — 1972

RIVKA BASMAN / LUMINOUS STONES
POEMS

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, איתמר בן־אבי 4

שער־בלאַט — מולה בן חיים

Printed in Israel 1972 נדפס בישראל

©

כל הזכויות שמורות

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, אילת השחר 4

מיט אײַערע נעמען

*

אַז מענטשן וואָלטן אָנגעהויבן זייער טאָג
מיט פלאַנצן בלומען,
וואָלט צו זיי קיין שלעכט געמיט
און מחשבות בייזע ניט געקומען.

אין פינגער זייערע וואָלט גערוט
בלום און בלאַט,
און קיינער וואָלט קיין ווילן ניט געהאַט
פאַר ביקס און גרוילן.

די שענסטע ווערטער וואָלטן דאַן געקומען,
אַז מענטשן וואָלטן אָנגעהויבן זייער טאָג
מיט בלומען.

מיט אײַערע נעמען

א

אַז רויִק ווערט
און אַלץ קומט נענטער
און צוריק,
קומט אויך דאָס ליד
אַלעמען דערזען
און נאָך אַ מאָל
דערקענען.

דאָס ליד
וואָס היט
די נעמען.

ב

פרילינג פאַרווּנדיקט.
זוך איך אַן אַנדערן נאָמען
פאַר פרילינג.
נאָר אַלץ וואָס בליט
האָט ניט קיין נאָמען.
מײַן ליד איז אַ יתום.

וועל איך רופן דעם פרילינג:
יוסי,
אורי,
דני.
וועלן די פאַרביקסטע בליטן
שטומען.

כ׳וועל רופן מיט אײַערע נעמען
די בלומען.

ג

צי קענט איר דעם יינגל
וואָס איז נעכטן געפאַלן בײַם ירדן?
איר לייענט זײַן נאָמען
אַזוי ווי מען לייענט פון פײַער פאַרבליבענע בריוו.
זײַן מאַמע — די לעצטע אַנטרונען פון טויט,
און זי טראָגט דעם סמיקן שריפט אויף איר הויט.

זײַן מאַמע דערציילט שוין ניט גאָרניט דער וועלט.
זי שעפטשעט די תּולדות פון איינציקן זון,
זי אָטעמט אים אײַן ווי אַ פײַער־געוויקס
און געדענקט אים —
בעת די לופע פון ביקס
האָט געצילט אין איר שלייף,
זי געדענקט זײַן געבעט צו איר: לויף —
אַנטלויף און פאַרליר מיך אין פעלד.

די מאַמע דערציילט שוין ניט גאָרניט דער וועלט.

ד

כ'זע אײַך תּמיד
מערער, שטאַרקער,
עלטער װי איר זײַט.
קינדער יונגע,
צאַרטע, דינע.

דורך די װײַטע פעלדער אַש
זע איך אײַך,
װי כ'װאָלט דערזען
יענע תּבה נאָכן גרויל

און עס קומט צו מיר
די טויב
מיט אַ בלעטעלע
אין מויל.

אַבלות

מענטשן זײַנען אויף די גאַניקעס אַרויס
פון יעדן הויז,
זען ווען מען באַגלייט,
ווען מען באַווײנט
און ס׳האָבן מענטשן נאָכגעמורמלט
אַ נאָמען פון עמעצן וואָס איז געשטאָרבן
אויף אַ פרעמדער גאַס.

נאָר צווישן זיי
האָט אַ שאָטן דורכגעשלײַכט
פון הויז אַוווּ דעם ניפטרס וויגל
איז געשטאַנען.
און מענטשן האָבן יאָ עפּעס דערזען,
נאָר ניט פאַרשטאַנען,
וואָס טוט דער אומעטיקער שאָטן.

לזכר סאַשאַ

צי בײַטן טרערן זייער צורה?
תּמיד קומען זיי
די זעלבע
פֿון די זעלבע שטראָמען;
אין אַ וואָרצל,
אויף אַ שטיין,
אין אַן אומעטיקן נאָמען.

*

כ׳בין געפֿאָרן
בשכנות מיט איינעם
ענלעך צו דיר,
און איך האָב ניט אויפֿגעהערט קוקן
אין פּנים אין דײַנעם.

די מיטפֿאָרער מײַנע
זעען ניט דיך,
נעמען זיי ריידן צו מיר,
פֿרעגן, דערמאָנען,
און קיינער פֿון זיי
דערקענט ניט
ווי איך
דײַן פּנים.

*

דערציילן פון דיר
אָן אַ שיעור.
מיט אותיות פון פייער
באַגלייטן דיין וועג
פון ווייטע,
פון פרעמדע,
פון אייזיקע טעג
ביז טרעריקן ברעג.
דיין זומער —
אַ שרעטעלע גרויס,
און אויס.

*

איך וועל דיין שמייכל באַהאַלטן,
איך וועל די ליכטער פאַרלעשן
און זאָגן די שטערן די אַלטע
זיי זאָלן די טריט ניט פאַרגעסן.

איך וועל דיין שטילקייט דערטראָגן
און וועל ניט קניען אין מיטן,
ביז ס'וועט דער אָנהייב פון טאָגן
דיך אין דער שטילקייט פאַרהיטן.

*

אַז דו ביסט פֿאַרטיליקט געוואָרן,
איז דײַן קוים־קוים בינטעלע יאָרן
בלײַען געבליבן בײַ מיר
אין אַ טונקעלע גלאָז,
מיט היימישן גראָז —
לזכּרון.

אַ תּלמיד

דו האָסט דעם אַלף־בית געקענט,
נאָר האָסט די אותיות קרום צעשטעלט,
אַזוי ווי וואָלסט שוין דאַן דערקענט
די קרומקייט אין דער וועלט.

כ׳האָב דיך געפּירט פון אות צו אות
און האָסט די ווערטער אויסגעגלײַכט
און האָסט די ווערטער אויסגעגלעט
און גאָר צום שענסטן זיי גערעדט.

ס׳האָט דאַן דער אַלטער אַלף־בית
זיך ניט געאײַלט צום שוועל פון תּו,
ווײַל אפשר האָט ער שוין געוווּסט
דעם סוף — —

בײַם כּותל

וואָס כ'האָב דאָרט אַרײַנגעשריבן
ווייס איך ניט.
מיר דוכט אַ ליד,
אַזאַ פּאַרוויינטע ליד
פון צאינה־וראינה־בלעטער.
געוויזן האָט זיך מיר
באַדאַכט און קלאָר,
אַז אותיות שיידן זיך
פון גופיקן פּאַפּיר
און וואַרטן אויף באַריר
צום אויסלייגן אַ תּחינה.

איצט שטיי איך רויִק. רו.
די אותיות זײַנען דאָרט
און גאָט וועט זיי געפינען.

אין אָוונט

אין אָוונט
זאַמל איך צונויף
צווייַגן ווינטיקע,
וואָלקנס טונקעלע
און פייגל וואָס לויערן.
מיט זיי באַנאַנד
פאַרפיר איך אַ געשווייַג
און כ׳הער
ווי אַלע טרויערן.

אין אָוונט
בלייַב איך ניט אַליין ;
שאָטנס קומען צוגיין
אָנצאָליקע.
אין אָוונט
ווערן אַלע טעג
אַמאָליקע.

מײַן לערערין ריווע

ווי זון אין אַ רעגן
געפֿאַנגען אין בלעטער —
זוניקט כּסדר
דײַן אָנבליק
אין מיר,
מײַן לערערין ריווע.

איינציק און אייביק
דײַן זעונג.
אַן אמתדיק־וואָרצלדיק־וואַכע.
די שטאַרקסטע דײַן ליבע —
מײַן לערערין ריווע.

אַרומנעמען טו איך די שקיעה,
וואָס האָט מיר
דורך טונקעלע שויבן
באַלויכטן אַ ווינקל זכּרון
ווּ ס׳וואַרטן געדולדיק די יאָרן,
ווּ צײַט האָט אויף זיי ניט
קיין שליטה.
און דאָרט,
אין אַ שטעטל אין ליטע,
בײַ ערשטע צעזונגענע אותיות
באַטריפֿטע מיט האָניק און טרערן,
געשלונגען דערבײַ
כ׳האָב דײַן שמייכל,
אין אומעט געלערנט.

מסתּמא דעריאָגן זיך שעהען,
די פריִערע גרייכן דעם שפּעטער
און טרעפן זיך
ערגעץ צוזאַמען
ביַי ימען.
און דאָרט
אין אַ בלויער דערמאָנונג
וועט בראשיתדיק
גליִען דיַין נאָמען —
מיַין לערערין ריווע.

אַ מעשׂהלע אין אָוונט

ווען איך וואָלט ברילן אָנגעטאָן,
געוואָרן וואָלט איך ענלעך
צו מײַן באָבען.
די באָבע חנה
פלעגט אין ברילן גייז
מיט רעמלעך טונקל דינע
און איך פלעג אָפט
זיי אָנמעסטן,
נאָכמאַכן איר מינע.
דאַן פלעגט די באָבע טאָן אַ כאַפּ
פון מיר די דינע ברילן,
זאָגן: „ניטע, קינד,
דו נעם און גיי זיך בעסער שפּילן".
פלעג איך בלײַבן אויף אַן אָרט,
וואַרטן אויף אַ חסד,
די באָבע זאָל זיי אויפן טיש
אַ ווײַלינקע פאַרגעסן.

פאַרגעסן.
איך האָב אָנגעטאָן
און קוק דורך אירע ברילן.
דאָס ערשטע מאָל ווי ס'האָט די צײַט
צו ליב געטאָן מײַן ווילן.
אַ רויִקע איך זע אַ שײַן
אין אָוונטיקע שויבן,
און גאָר פון נאָענט איך קוק אַרײַן
אין אירע גוטע אויגן.

אונדזער אות

צווישן אונדזביידן —
ניטאָ קיין מחיצה.
מײַן טאַטן רופט מען יחזקאל,
מײַן מאַמען — פרומע־צפורה,
און מיך — ווי מע רופט די אמהות:
ייִדישע נעמען
געבראַכטע פון מידבר.
און ווייסטו פאַר וואָס
אונדזער אות
איז דער זעלבער?
ווײַל ס׳האָט אונדזער ביידנס
קאַנטיקער אות
געגליט אין די זעלביקע טיגלען.
מיט זעלביקן עול —
הײַנט און אַמאָל.

איין ראָד

כ׳בין אַרויס אויף אַ הילצערנעם וואָגן
אין וועג.
דער וואָגן איז אַלט און סקריפּעט פאַר שרעק.
באַגלייט אים אַ לעמפּל
מיט שאָטן פון נאַכט,
ווער האָט אַזאַ אומעטיק פינקל געבראַכט?

גליטשט זיך דער וואָגן איינער אַליין
פון פערדל איז לאַנג שוין ניטאָ זײַן געביין,
ליגן די לייצעס ווי רויקע הענט
צום סימן פון ראָד וואָס צו וועגן געווענדט.

*

פאַרבליבן אַ ראָד
ווי אַזוי און פון וווּ?
זײַן הילצערנער טראָט
איז באַאײַזנט מיט רו.

פאַרראָסט איז די רו
אין טרעריקן רונד.
זשאַווערט אין ראָד
דער וועג ווי אַ ווונד.

*

װוּנדער, מײַן גאָט,
אײין ראָד איז גענוג
צו טרעפן
די ליבסטע,
מיט שײמעס באַװאָרנט
פֿאַר קעלט און פֿאַר לויער.
און זע,
ליכטיק דער טויער.
די לענדן פֿאַרגאַרטלט,
האָלץ אויפֿן אַקסל.
אײין ראָד
האַלט אונטער די אַקסן.
און נאָענט װערט דער װעג ;
אַ הײמישער פֿלעמל
און אויס מיט דער שרעק.

*

ס'איז גרוי פֿון פֿרימאָרגן,
שטערן פֿאַרדרעמלען,
די פֿור האָט פֿאַרלאָרן איר ערדישן טראָט.
פֿון אונטערן דאַך האָט געפֿינקלט אַ פֿלעמל
און האָט זיך דערקײַקלט
צום אײנציקן ראָד.

רויזקע אַליינקייט

דער ליימענער באַרג

איבערנאַכט האָט אַנטפּלעקט זיך
דער ליימענער באַרג,
אין פאַרגאַפּונג.
און איך האָב דערזען אין דעם ליים
די גנאָד פון באַשאַפונג.

דרײַ ביימער,
פאַרלאָזט און דערשראָקן.
מיט זיי האָט דער באַרג
פּאַמעלעך געגנעט
פון עבר אַרויס
ווי אַ זקן.

איצט שפּיגלען זיך שויבן אין טונקעלן ליים
און הילצערנע טרעפּ ווי אַ לייטער.
אַ מלאך זײַן וועג זוכט צום באַרג אין געהיים,
איך זע אים, אָט גייט ער, אָט גייט ער.

נאָר באַלד ווערט מיין זעונג פאַרזונקען אין ליים,
און טונקעלער שווײַגן די שעהען ;
אַ שטערן פאַרלירט זײַנע שפּורן אַהיים
און נידערט אַראָפּ צו די דנאָען.

ווען ניט־וויסן

אָפּהענטיק זײַנען מיר
אין אונדזער דאַכטעניש
וואָס קוועלט אָן אויפהער.
פֿאַרבלענדיקט זײַנען מיר
אין אונדזער זוכעניש,
אַ טראָט
צום האָריזאָנט.

מיר בעטן גאָרניט,
און טאָמער קומט אַ בלום —
ווײַל אַזוי ו י ל ז י.
און אפשר וויל עס נאָך עמעצער,
וואָס מיר ווייסן ניט פֿון אים.

און דאַן, בשעת
ס׳פֿאַרכלינעט אונדז
די מעכטיק־גרויסע כוואַליע
פֿון גאָרניט־וויסן,
אַנטבלויזן מיר דעם קאָפּ
צו גאָר דער זון
און זעען בלינדערהייט
איר וואַקסנדיקן פּלעק.

אַ שטיין

כ׳האָב דערזען, אַז אַ שטיין איז ניט שטאַרק,
עס שפּאַלט אים אַ טרייסל אַ מינדסטער,
אַז ער טוט זיך אַ קײַקל פון באַרג
צעפּאַלט ער אין שטויבן אין דינסטע.

יאָרן לאַנג ווי געגלייבט כ׳האָב דעם שטיין,
פאַר אים די זכרונות באַהאַלטן,
ביז דערזען כ׳האָב, אַז אויך זײַן געביין
איז צעשפּליטערט אין שפּאַלטן.

*

ס'איז אָוונטיק קאַלט
און ניט געווּנג דאָס פֿײַער צו דערוואַרעמען,
אין גאָרער וועלט
ניטאָ מער עמעצער
צו דערבאַרעמען.
אַ בלינדע בענקשאַפֿט קומט און מאָנט
שעהען ניט־געוואָרענע.
ס'איז ווינטיק קאַלט,
די ליבשאַפֿט — אַ פֿאַרפֿראָרענע.

בייזער פרימאָרגן

פון אַלע וועזנס
אומגעזען
פאַרבאָרגן —
די בלויע רעטעניש
דער מאָרגן
אַנטהילט זיך
פלוצעם
צום געפעכט.

און זע,
גאָר אַנדערש
ווערט זײַן פּנים,
די כּוונה —
שלעכט.

אַן אויגנבליק
און ס׳ווערן שאַרפער
די קאָנטורן.

צו אַ שילדקרעט

כ׳בין ניט ווי דו באַפּאַנצערט
און אויך ניט קלוג ווי דו.
ס׳פּאַרטרויט מיר ניט מײַן לאַנדשאַפט
ווי דיר דאָס גרין פון רו.

און כ׳ווייס ניט ווי צו היילן
מײַן וווּנדיקן פּאַרדראָס,
און כ׳ווייס ניט צו דערציילן
וואָס דו דערציילסט פאַר גראָז.

אומעטיקער רעגן

איך האָב אויסגעפרעגט
דעם רעגן
זײַנע אומעטיקע װעגן.
האָט דער רעגן מיר געענטפערט —
מיט אַ בלום.

האָב איך אים דערמאָנט,
דעם רעגן,
זײַנע גרויקייטן אַנטקעגן.
האָט דער רעגן זיך פֿאַרענטפערט
מיט דער בלום,
און פֿאַרקוקט זיך אין די שויבן
מיט פֿאַרגאַפטן רעגן־בויגן.

ניט צו גלייבן,
ניט צו גלייבן
ערשטן אומעטיקן רעגן.

צוקאָפּנס בײַם ים

און קאָנסטו שוין אַנטרינען
אין פֿאַנצער פֿון אַ מושל,
דריקט אויף דיר
די אומגעהויער שווערע לאַסט
פֿון גרינגן מושל.
פֿאַרוואָרפֿן פֿון זײַן ים
ער שטאַרבט בײַם ברעג
צוליב אַ וואַסער־טראָפּן.
און אומבאַהאָלפֿן קוקט דער ים
ווי ס׳שטאַרבט זײַן מושל
אים צוקאָפּן.

עלנט פון הינט

ניט צו באַשרײַבן דעם עלנט פון הינט
אין פרילינג.
זיי שטיפן און מערן זיך
זאָרגלאָז און בלינד
אין פרילינג.

פאַרגינען ניט מענטשן די הינט זייער שפיל
און טרײַבן אַוועק מיט אַ פריקרען געפיל
אין פרילינג.

דערנאָך שלעפן מענטשן אין ערגעץ אַוועק
הינטעלעך שטומע,
יאָמערן עלנט די הינט
מיטן אָנקום פון זומער.

פרעמדע ערטער

פרעמדע ערטער
זײַנען גלײַכגילטיק און קאַלט.
דו קאָנסט אין זײ קײן טרײסט־װאָרט
ניט געפינען.
זײ װײַזן דיר אַ װינטיקן באַגינען
און אַ פֿאַרגלאָזטן טאָג.

אויף יעדן ראָג
אַ שילד צו פרעמדע ערטער.
אַ רגע בלײַבסטו אין דער לופטן
הענגען.
ביז ס׳עפענען אַ טיר
דיר
דײַנע װערטער.

לטובת אַ וואָלף

ס׳קומט ניט דעם וואָלף
בלבולים פֿאַרצײַטיקע;
ס׳איז הונגער
די איינציקע סיבה
וואָס טרײַבט
אַז דער וואָלף
זאָל פֿאַרצוקן.
אַפֿילו אין תּהומיקן הונגער
אַ וואָלף
וועט זײַן ביסן באַקוקן.
טאָמער איז גאַנץ
אָן אַ פּגם
גאָטס יצירה —
וועט דער וואָלף
קיין מאָל ניט רירן.
און אויסער דעם
ווייס מען געוויס:
דער געוואָי פֿון אַ וואָלף
איז זײַן בענטשן,
בשעת
ער ווערט ניצול
און מײַדט אויס
אַ מענטשן.

אַן אָוונטיקע פּאָר

דאָס ראָזע יוגנט־קלייד
האָט ניט געפּאַסט צו ווײַסע האָר
און אויך דער זומער איז פון בליק אַנטלאָפן ;
אַן אָוונטיקע פּאָר
האָט אויף אַ פרעמדער גאַס
מיט געלע בלעטער
זיך צונויפגעטראָפן.
אַ שמייכל דין
בײַם ראַנד פון זון
און גרויע גראָזן.
אַ שמייכל
פון אַן אומבאַהאָלפן קינד,
וואָס האָט זײַן שפּילצײַג
אַ צעבראָכענעם פאַרלאָזן.

גייען מיר נאָך

גייען מיר נאָך פֿאַרשלאָסענע טירן
און לאָדנס פֿאַרהאַקטע מיט ברעטער,
זיי טויכן אַרויס בײַם באַרירן
בלײַקע בלעטער.

אַהינטער די טירן
איז גאָרניט פֿאַרענדערט.
אַלטע סימנים ווײַזן און פֿירן —
כ׳דערקען זיי.

פֿון זיי פֿירט אַ שטעג
צו לבנהס פֿאַרביטענעם פּנים,
וווּ איינציקווײַז ווערן פֿאַרמעקט
אַלע סימנים.

דער לעצטער קונץ

דער אַלטער קונצנמאַכער —
מיד.
זײַן מוזע איז פֿאַרשווּנדן,
ווי דורך אַ כּישוף אָפּגעבליט,
צעשיידט פֿון יעדן ווּנדער.

מיט בלינדע הענט
האָט ער געזוכט
די טויבן, בלויע, רויטע,
נאָר ס'האָבן זײַנע טרײַע פֿרײַנד
צו אים זיך ניט פֿאַרטרויט מער.

אין אַלטן פֿראַק האָט ער געקניט
צום לעצטן קונץ
אָן טרעמעס.
און צום ערשטן מאָל
אַנטפּלעקט
דעם אמת.

סימנים

מיך שרעקט, אַז דאָס גראָז זאָל ניט געלן,
דער פלויט זאָל ניט ווערן צעפאַלן,
מיך שרעקט, ס'זאָל דער שויב ניט פאַרשטעלן
אַ שפּינוועבס פאַר ליכט און פאַר שטראַלן.

איך קען זיי די שטומע סימנים
אין שוויַגיקע גאַסן און הויפן,
ווו קעץ מיאַוקען אויס אַ רחמנות
און פאַרוואָגלטע הינט אַנטלויפן.

מיך שרעקן די שטיבער פאַרטונקלט
מיט זאַמד אויף די שוועלן פאַרשאָטן,
מיט גאַניקעס קרום און פאַרזונקען,
ווו ווילדגראָז באַדעקט און פאַרשאָטנט.

איך קען זיי די שטומע סימנים
ווי קאָרטן פון קלוגע ציגיַינער,
וואָס דעקן דיר אויף דיַין פּנים
און טרעפן: „ער איז שוין ניט דיַינער"...

טעג

פֿאַראַנען טעג
וואָס לאָזן דיך אַליין,
נעמען דיך אַוועק
פֿון יעדן ברעג זכּרון,
און לאָזן גיין פֿאַרלאָרן.

אין טעג אַזעלכע
בלײַבסטו מיטן ווינט
און לאָזט אים רײַסן
דײַנע קליידער,
דײַנע הענט
און דײַן אַליין.

אַ שפּור וועט ווינט פֿאַרטראָגן,
ניט לאָזן דיך פֿאַרלאָרן גיין.

אין האַרץ פון בוים

אַ זומער־ליד
מיט האַרבסטיקן פּייזאַזש,
וואָס מאַכט ניט קילער.
שטילער, איַינגעקלערטער
אין האַרץ פון בוים.

די קאָרע, וואָס איז ווייַס געוואָרן,
דערשרעקט די גראָזן.
דאָס האָבן פרילינגען
דעם בוים פאַרלאָזן.

שטייט ער גלייַכגילטיק
און אויסגעטאָן
פון ליכט און שאָטן,
פייגל שפּירן זייַן פאַרלענד
און בלייַבן
ביַי די סלופּעס אויף די דראָטן.

דער קאַמעלעאָן

דער רעגנבויגיקער קאַמעלעאָן
האָט קיין מאָל זײַנע סודות ניט פֿאַרטרויט;
כ׳האָב ניט געוווּסט אויף וועמען ווײַזט ער אָן
בשעת עס מיניען זיך די פֿאַרבן פֿון זײַן הויט.

נאָר איין מאָל,
בײַ דעם לעצטן זונענרויט —
האָט ער אַנטפּלעקט
די פֿאַרב פֿון טויט.

אַ גזר

אָט דער וואָס נעמט אין האַנט אַ זעג
האָט דיר דעם גזר פֿאַרשריבן,
און ס'איז פֿון דײַנע גרינע טעג
אַ דאַרער סוק פֿאַרבליבן.

אין מײַן זכּרון גרינט דײַן בלאַט
און אותיות אין דײַן קאָרע.
און אויך דאָס ליד וואָס האָסט געהאַט
באַקרײַזט מײַן רינג פֿון יאָרן.

אַצינד דערנענטערט זיך דאָס האַרץ
צו אָפּגעוועלקטע שטראָמען,
ווי ס'ווערט פֿאַרגעלט און ס'ווערט פֿאַרדאַרט
אַ בלאַט,
אַ צווײַג,
אַ נאָמען.

מײַן אַלטער קאַלענדאַר

כ'האָב באַנײַט מײַן אַלטן קאַלענדאַר,
אויסגעשטעלט אויף ס'נײַ די נעמען,
איז ער קליין געוואָרן, קליין און דאַר
און ווי שווער אין האַנט עס נעמען.

שטייען נעמען אות נאָך אות
ווי פּוסטע נעסטן,
באַוואַקסענע מיט גראָז,
פאַרגעסן.

רויזיקע אַליינקייט

די רויזן־בלעטער פאַלן ביסלעכווייַז אַראָפּ
און דעקן צו דעם טיש מיט ראָזן רעגן,
דער טיש ווערט פּלוצעם אַ באַקרוינטער
מיט צירונג פון פאַרפּישופּטן פאַרמעגן.

אַ שיינע שטאַרבט די רויז. און מיט איר שיינקייט
באַפּוצט זי אַלע שרעקן פאַרן טויט.
אין צימער בלייַבט אַ רויזיקע אַליינקייט,
וואָס טריפט אין זון אַרייַן
מיט לעצטן רויט.

נאַכטיקע בלומען

אַ פרוי באַגיסט ביַי נאַכט די בלומען
און ווייס ניט, אַז אַליין זי וועלקט.
ווען זי וואָלט פון דער בלום גענומען
אַ טראָפּן בלוי, אַ פּינטל געל —
וואָלט איר אין וועג באַגריסט אַ פויגל
און ס'וואָלט דער ווינט צו איר געלאַכט.
אַ פרוי באַגיסט די לעצטע בלומען
און פאַרגעסט, אַז ס'איז שוין נאַכט.

דער ברעג

אין גרויסן טיפן ים,
ווו ס׳נעסטן זונען,
האָב איך אַ בלייכן גראַם
און גאָרניט מער געפונען.

ס׳איז אפשר ווײַל דער ברעג
איז טרעריקער און טיפער,
און אָן אַ שיִעור אין אים
זינקען שיפן.

די פֿאָרמולעס

כ׳האָב מורא,
אַז די פֿאָרמולעס פּרעציזע,
די געדאַנקען ליניאַרע,
זאָלן ניט דאָס ליד אַ ביס טאָן
און פֿאַרנאַרן;
אָפּנאַרן דעם פֿײַער־שטראָם
אורקוואַליקן,
דעם ברום
דעם שטראַליקן,
און פֿאַרנאַרן מיך מיט זיי
אין אַרכיווישן מוזיי.

דאָרט וועט אײַנשלאָפֿן
די מוזע ווי אַ מומיע.
קלאַנגען עלעקטראָנישע
אַהינצו וועלן קומען,
האָפּסלען איבער איר
אין קאַלטע עטער־זאַלן
און —
גיין פֿאַרפֿאַלן.

אַן אָנשפּאַר

פֿודן גרויע וואָר
האָבן זיך אַן אָנשפּאַר געפֿונען
אויף אַ דינעם קוסט
מיט בלומען.

און זע, ווי ס׳קאָן
אַזאַ מין דינקייט
מיט ראָז און גרינקייט
אַן אָנשפּאַר זײַן
פֿאַר גרויער וואָר
און האַלטן זי
ביז גאָר,
ביז גאָר.

גליווערעמלעך אין גראָז

דערמאָן ניט די פּײַערלעך גרינע,
דאָס זײַנען פֿאַרטליִעטע אותיות,
זיי טראָגן גערייד ווי רויִנען
און וואָס זיי דערציילן, דו ווייסט עס.

די גרינינקע לויכטן אין טונקל
און לעשן זיך אויס אין באַגינען,
זיי גליִען אין גראָזן פֿאַרזונקען —
די שפּורן פֿאַר דיר צו געפֿינען.

אין מיר זייער שריפֿט וואָס איז ברעניק
און כ׳קאָן ניט דאָס פּײַער פֿאַרלעשן.
אין דעם אפֿשר גליט ווידערשפּעניק
די מורא פֿון ווערן פֿאַרגעסן.

װעט קומען אַ װאָרט

אַז װערטער אַנטרינען
בלײַבן די װאָרצלען
גרױ און פֿאַרעקשנט,
װאַרטן פֿאַרקניפּטע
בײַם טױער פֿון ליפּן.

מאָרגן באַגינען װעט קומען אַ װאָרט —
אַ פֿױגל פֿון װײַטן.
מאָרגן באַגינען װעט קומען אַ װאָרט —
אין רעגן געלײַטערט.

און טריפֿן מיט רעגן
פֿרישקײט אין מױל.
און איך װעל ניט פֿרעגן — — —
זיסקײט און גרױל.

פון אַלץ

דער אורשטאַם
פון נעכטן ביז הײַנט
איז אַ ליד,
און אַלץ, וואָס דו ברענגסט
ווי צעשניטענעם ברויט,
איז אַ ליד;
שיימעס וואָס שאָרכן פאַרלאָרן
און פרעמד;
פנימער אומעט
וואָס גייען צום טויט;
וועלדער פאַרוויסט —
ניטאָ אַזאַ וואָרט
וואָס אַנטפּלעקט זיך אומזיסט.
איך שייל דאָס שאָלעכץ אַוועק
און ס'בלײַבט דער דימענט —
אַ ליד.

*

וואַרף אַוועק די מיינונגען „אַז ווערטער שוין באַנאַלע״,
פאַראַנען רגעס ווען אַ וואָרט איז פינקטלעך און פרעציז,
בשעת ער זאָגט אַזוינס וואָס ס'ווייסן אַלע.

איעדער מוז דערוויסן זיך אַליין
דעם פייער־קרייז פון אָפּגערעדטע ווערטער.

צום ערשטן מאָל וואַנדער איך און גיי
ווו גאָט איז שוין אַוודאי
אויסגעוועון אין אַלע ערטער.

אַמאָליקע זאַכן

די זעלבע אַמאָליקע זאַכן
צעשטעל איך אויף אַנדערע ערטער
און זייערע היימישע נעמען
רוף איך מיט אַנדערע ווערטער.

קוקן זיי פרעמד און פאַרלאָרן
ווייסן ניט וואָס בין איך אויסן,
זיי טוען זיך אויס פון די יאָרן
און שטויבן אַראָפּ די פּאָרויסן.

גערולדיק זיי וואָרצלען און וואַכן
אויף ז י י ע ר ע היימישע ערטער,
און ענטפערן ווי אויף להכעיס
מיט אַלע אַמאָליקע ווערטער.

מאָדערן

דער בוים איז אַממערסטן מאָדערן,
ער בײַט זײַנע קלײדער און האָר
און זינגט זײַנע אָדעס, אַז הערן
זאָל יעטוועדער טאָג און יאָר.

דער בוים איז אויף בײַטן אַ „מבין"
אויף „אַנדערש", אויף „ניט ווי אַמאָל",
עס בײַט זיך אויף אים ווי אויף הייוון
קאָליר און שאָטן און קול.

ווײַזט אויס, אַז די אמתע מאָדע,
וואָס ענדערט אַזוי אין געשטאַלט,
איז די, וואָס קומט באַלאָדן
מיט יונגינקע שפּראָצן און — אַלט.

דײַנע לידער

אַ װײַטער, װײַטער שליאַך
און דײַנע לידער.
און שטערן זײַנען װאַך
אין אַלע גלידער.

מיט דײַן ליד איך װאָלט
אַ בוים געגלעט לבנהיק
און װי אַ בין איך װאָלט
פֿון ליד געבלומט דעם האָניק.

*

לײען איך אַרײַן אין דײַנע שורות
און געפֿין דאָרט יענעם שפּרונג,
װערן װאָר די ניסימדיקע גבֿורות
און אַ ליבשאַפֿט נעמט מיך דורך.

ס'בלײַבן טיפֿקײטן פֿון ימען ניט פֿאַרענדערט,
אױך װען אָפּשטראָם דױערט אָן אַ סוף,
אין יענע טיפֿקײטן געבאָרן זיך לעגענדעס,
װאָס בראשית האָט פֿאַרזאָגט: כּי טובֿ.

אַ תּפילה

זע, די ווײַסע האָר בײַם דיכטער,
די פֿאַרקראַמפּטע פֿינגער.
איז דאָס יושרדיק און ריכטיק
טאָן אַזוי דעם דיכטער?

הער, ווי ס'חלומען צו דיר
דעם ווײַסן דיכטערס סטראָפֿן.
זע, ווי אײנזאַם ס'היט דער דיכטער
די ניגונים.
ניט פֿאַרשטיל זײַן הייסע שורה —
ניט פֿאַרוויסט זײַן ברונעם.

צו לייוויקן

נאָך איידער כ'האָב געוווּסט דײַן יאָרצײַט,
אַ שורה פון מײַן ליד האָט זיך פאַרבענקט
און מיטגעגאַנגען
מיט דיר, אין דײַן פאַרשנייטן וועג.
די שורה האָט געוואָלט צו דיר דערלאַנגען.

די שעהען קלײַבן זיך צונויף.
ס'איז באַלד דער טאָג פאַרגאַנגען.
און דײַן געבאָט,
אַז איינער זאָל דעם צווייטן זײַן געטרײַער —
איז אײַנגעהילט
ווי דו,
אין ווײַסן פײַער.

ביימער אין רעגן

*

מיט דיר בין איך רויִק און נאָענט
און כ׳דאַרף ניט באַהאַלטן קיין ווערטער,
ווי בלעטער אין זוניקער קרוין
פֿאַראַנקערט צו זייערע ערטער.

מיט דיר בין איך דורכויס מיט זיך
פֿאַרוואָרצלט צום שטראָמיקן וווּנדער,
וואָס נעסטיקט אין טראָפּנס פֿון ליכט
אַפֿילו בײַם ווערן פֿאַרשווּנדן.

מיט דיר איז דער טאָג ניט צעשיידט,
ניט באַזונדער דער הײַנט און דער נעכטן,
אָנסופֿיקע גרינקייט באַקליידט
און דו ביסט דער אייביקער וועכטער.

מיטן ערשטן רעגן

מיר האָבןביידע זיך פֿאַרענדערט
אין אומגעצײלטע פּרטים,
אַזוי פֿיל גרינקייט אונדזערע
איז שוין פֿון לאַנג צעטראָטן.

און אויף דײַן וואַלדיק שמאָלן שטעג,
פֿאַרשפּרייט מיט נאָדל־בלעטער,
איז אונטער אונדזער טראָט פֿאַרדעקט
דאָס פֿרעגן און דער שפּעטער.

מיר האָבן שוין פֿון לאַנג געוווּסט
ווי אויפֿנעמען באַשיידן
איעדן מאָרגן וואָס באַגריסט
די גרויקייט פֿון אונדז ביידן.

*

ס׳רעגנט אין טײַך
און ס׳קושן זיך ווינטיקע טראָפּנס.
אפשר וועט מיטנעמען מיך
יענער רעגן.
אפשר צוקאָפּנס
וועט זוניקער ווערן
אַזוי ווי ס׳געשעט
בעת אַ זון מיט אַ רעגן.

ס׳רעגנט אין טײַך
און מענטשן פֿאַרמאַכן די פֿענצטער.
אפֿשר זאָל איך לאָזן אָפֿן
אַ שײַבל אַ קלענסטע —
דורך איר
זאָל דער רעגן אַ קוש טאָן
מײַן בליק מיט אַ טראָפּן.
אפֿשר וועט זוניקער ווערן
צוקאָפּנס.

*

די מוראַשקע פֿון מײַן געמיט,
וואָס זאַמלט איר פֿאַרמעגן,
פֿאַרלירט אין אײַלעניש דאָס ליד —
אָט קומט אַ רעגן.

די מוראַשקע פֿון מײַן געמיט
נידערט ביז די דנאָען וואַלד
און נעמט דאָס ליד
צוריק ביגוואַלד
דורך זון און רעגן.

פרייַנד

אַ מענטש מיט אַ בוים זײַנען פרײַנד פון פאַרצײַטן,
אַפילו אַז דורות פאַרביידן זיך בײַטן,
וועלקט ניט, גייט ניט די פרײַנדשאַפט פאַרבײַ,
זי בליט ווי דער בוים פון דאָס נײַ.

דעם מענטש ציט צום בוים, צו זײַן וווּנדער דעם גרינעם,
ער זוכט צו דער גרינקייט דעם וואָרצל געפינען.
פאַראַן אפשר ערגעץ אין בוים דער באַשייד
פון ווידערבאַנײַונג פון פרייד.

אייקאַליפּטן

די אייקאַליפּטן־ביימער האָבן
אויסגעטריקנט גאָר דעם זומפּ
און ניט פאַרבליבן איז קיין טראָפּן וואַסער.
איצט שטייען זיי דאָרשטיק, אַלט און יונג,
און זוכן טרייסט אין אָונט־שײַן אין בלאַסער.

דער אָונט ברענגט זיי בלויז אַ קאַלטן שטראַל
און קאָן דעם דאָרשט אין זיי ניט שטילן.
אין חלום זעט דער אייקאַליפּטן־בוים אַ קוואַל
ווו ס׳ציט זײַן נאַקעט האַרץ
די טראָפּנס צו דערפילן.

שווערקייט אין הענט

כ׳האָב ליב די שווערקייט וואָס אין הענט
בעת באַהעפטונג מיט דער ערד.
אומגעלומפּערט שאָרסטיק רוי
ווי גאָפּלען פון אַ ווידלע שאַרף,
און דאַן מיר דוכט, איך הער אין זיי
ניגונים פון אַ האַרף.

דאָס זינגען פינגער ניט געצוימט
ווי זונען־סטרונעס וואַד־פּאַרקלערט,
און מידערהייט אַנטפּלעקן זיי
דעם גרינסטן ניגון פון דער ערד.

די שענסטע זאַך

די שענסטע זאַך, וואָס כ׳האָב געזען באַגינען:
ווי ס׳קושט אַ זשוקעלע אַ בלאַט אַ גרינעם.
און איך האָב פון אַ ווינקל זיי באַטראַכט, די ביידע,
וואָס איך פאַרשטיי ניט זייער שפּראַך און זייער ריידן,
און כ׳האָב מיַין גאַרן יִחוס מיט הכנעה
אַוועקגעלייגט פאַר זייער געטלעכער הנאה.

*

כ׳האָב ליב דעם פרימאָרגן
אין שטוב
אין קיך,
נאָענט ביַים טיש,
ריידן צו אים
ווי צו איינעם
וואָס הערט
מיַינע פריזיקע רייד
אויף טונקעלער ערד.

כ׳האָב ליב צו דערפילן
אַן אָנשפּאַר אין טיש,
וואָס זאַפּט מיַינע נאַכטיקע טראַכטונגען איַין
און נעמט מיך אין וועלדער־זכרון אַריַין.

אַ פלאַטערלס טאָג

דו פרעגסט
ווי לאַנג
קאָן אַ פלאַטערל לעבן ?
אַ טאָג,
אַ מעת־לעת
צי אַ נאַכט,
ווער ווייס ?
אפשר גאָר שפּילט עס
אַ פלאַטערדיק שפּיל
קאָליריק, פאַרוווּנדערט, —
ס'איז אפשר אַ פלאַטערלס טאָג —
אַ יאָרהונדערט ?

אַ מילגרוים

אַ מילגרוים.
זײַן זאַפּטיקע שפּראַך
משלים און קלוגשאַפט אַ סך,
חכמה און טרייסט און באַגערן.
דער מילגרוים אַוודאי ווייס,
אַז אַלץ
וויל פאַרשטענדלעכער ווערן.

אַיעדער, וואָס טרינקט פון זײַן ווײַן
ווערט ניט קיין שיכּור,
אַ העלקייט דערזעט ער, אַ שײַן,
וואָס ווײַזט אים דעם עיקר.

אַלטע פּעדעם

דורך די טעג, די יונגע טעג
ציִען אַלטע פּעדעם.
און ס׳דערציילן זיך די מעשׂיות
איבער און אַריבער.
זיי געדענקען שוין ניט ווען
האָט מען זיי דערציילט.
האָרכן זיי אין זיך אַרײַן,
ווילן זיך דערמאָנען.
ציִען זיך אַדורך די טעג
שפּאָגל־אַלטע פּעדעם.
רופט מען זיי: די יונגע טעג —
אלה ימי קדם.

אין מידבר

און בלײַבסטו אַליין מיטן מידבר —
זון, זאַמד און שטיין,
ווערסטו האַרטער און מילדער
און אַנדערש מיט זיך אַליין.

אין שטייניקער רו פון פעלדזן
טוט דײַן בליק זיך אַ ברי,
און זעסט ווי ס'נעמען צעשמעלצן
די קלײנינקע שעהען פון הי.

אַן ענדלאָזער פעלדז אַ צעגליטער
ווײַזט דיר אַ שטעג צו גיין,
ווו טונקעלע שטילע גראַניטער
שלאָפן אויך דיך ווי אַ שטיין.

אין וועג

עס וועלן צווײַגן מיך באַרירן אין געאײַל
און איך וועל זען דעם בוים — אַ ווײַטן זעגל,
איך וועל פֿאַרבײַלויפֿן
און מײַל נאָך מײַל
זיך אומקערן צום בוים
ווי עולה־רגל.

אין מײַן געפּעק, מיט גרויקייטן אַן אויסגעפּילטער,
וועט תּמיד הוידען זיך אַן אָפּגעהיטער אָרט,
ווו צווישן אַלע ענגשאַפֿטן
וועט ציטערן אַ שטילקייט
אַן אָפּגעזונדערטע —
אַן אַנדער וואָרט.

אַנטרינען וועלן גאָר די רייד די הילכיקע,
אָט די, וואָס זיי צעשטויבן זיך
אין ראָד־פֿאַרמעסט;
און ס׳וועלן אויפֿטויכן ווערטער בילכערע,
וואָס פֿאַלן צו די ליפּן צו
ווי קוים דערוואַרטע געסט.

א י נ ה אַ ל ט

מיט איַיערע נעמען

* אַז מענטשן 7
מיט אייערע נעמען א—ד 8
אַבלות 12
לזכר סאַשאַ 13
אַ תּלמיד 16
ביים כּותל 17
אין אָוונט 18
מיין לערערין ריווע 19
אַ מעשהלע אין אָוונט 21
אונדזער אות 22
איין ראָד 23

רויזיקע אַליינקייט

דער ליימענער באַרג 27
וועגן ניט־וויסן 28
אַ שטיין 29
* ס'איז אָוונטיק קאַלט 30
בייזער פרימאָרגן 31
צו אַ שילדקרעט 32
אומעטיקער רעגן 33
צוקאַפּנס ביים ים 34
עלנט פון הינט 35
פרעמדע ערטער 36
לטובת אַ וואָלף 37
אַן אָוונטיקע פּאָר 38
גייען מיר נאָך 39
דער לעצטער קונץ 40
סימנים 41
טעג 42
אין האַרץ פון בוים 43
דער קאַמעלעאָן 44
אַ גזר 45

מיין אַלטער קאַלענדאַר 46
רויזיקע אַליינקייט 47
נאַכטיקע בלומען 48
דער ברעג 49
די פּאַרמולעס 50
אַן אָנשפּאַר 51
גליווערעמלעך אין גראָז 52
וועט קומען אַ וואָרט 53
פון אַלץ 54
* וואַרף אַוועק די מיינונגען 55
אַמאָליקע זאַכן 56
מאָדערן 57
דיינע לידער 58
אַ תּפילה 59
צו לייוויקן 60

ביימער אין רעגן

* מיט דיר בין איך רויק 63
מיטן ערשטן רעגן 64
פריינד 66
אייקאַליפּטן 67
שווערקייט אין הענט 68
די שענסטע זאַך 69
אַ פלאַטערלס טאָג 70
אַ מילגרוים 71
אַלטע פעדעם 72
אין מידבר 73
אין וועג 74

ביכער פון רבקה באַסמאַן:

טויבן בײַם ברונעם

לידער

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1959

•

בלעטער פון ווערגן

לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, 1967

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייַזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן
פאָעמע

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שײַער

לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע

דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט

איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער

אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג

ייִדיש — משה יונגמאַן

משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן

עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער

לידער